הנ"ל: איך האָב געדאַוונט דאָ מיט אַ מנין.

**כ"ק אדמו"ר שליט"א: זאָלסטו געבן צדקה איצטער וויבאַלד ס'איז נאָך פאַר דער שקיעה. האָסט געדאַרפט געבן פאַר שחרית און פאַר מנחה. [ושאל:] ביים טאַטען [הרב שמואל זלמנוב] איז דאָ אַ תהלים מיט'ן פירוש פון דעם צמח צדק?**

הנ"ל: יע.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: דו הויבסט דאָך אָן דעם זעבצנט'ן קאַפּיטל, זאָלסטו אָנפאַנגען היינט לערנען דעם זעבצנט'ן קאַפּיטל מיט'ן פירוש פון דעם צמח צדק און ענדיקען במשך פון די וואָך (כ"ק אדמו"ר שליט"א הזכיר גם אודות האריכות ברשימות הצ"צ). דער אויבערשטער זאָל העלפן, אַז דו זאָלסט האָבן אַ הצלחה'דיקן יאָר אין געזונט, געזונט אין גשמיות, געזונט אין רוחניות, און זאָלסט אויפהערן זיך איבערנעמען, און זאָלסט האָבן אַ הצלחה'דיקן יאָר אין נגלה, און אַ הצלחה'דיקן יאָר אין חסידות, און דיינע עלטערן זאָלן פון דיר האָבן אַ פולע חסידישען נחת.

כשעמד כבר ליד הדלת לצאת שאל אותו כ"ק אדמו"ר שליט"א: דו ביסט זיכער אַז דו האָסט אין שטוב אַ תהלים מיט'ן "יהל אור"? אויב נישט קען איך דיר באָרגן מיינעם. הנ"ל ענה שיש בביתם ויצא.

**שלהי מנ"א:** ניחום אבלים אצל האדמו"ר ר' מאיר מאמשינוב על אביו ר' שמעון שנפטר בי"ט מנ"א, שאל אברך א' את כ"ק אדמו"ר שליט"א: פאַרוואָס אין ליובאַוויטש פירט מען זיך ניט אַזוי ווי שיטת ר"ת סיי בנוגע צו ערב שבת, סיי בנוגע צו מוצאי שבת און סיי בנוגע צו תפלת ערבית בימות החול.

כ"ק אדמו"ר שליט"א: איך פיר זיך ווי דער רבי דער שווער – סיי אין לענינגראַד, סיי אין ריגא, סיי אין וואַרשא, סיי אין אָטוואָצק און סיי דאָ אין אַמעריקא האָט ער זיך ניט געפירט כשיטת ר"ת. אין ווינטער האָט ער געדאַוונט מעריב 30-35 מינוט נאָך די שקיעה, און אין זומער – ווייל ס'איז אַ לייגגערע בין השמשות – האָט ער געדאַוונט 42 מינוט נאָך די שקיעה. גם היה מדובר שחסיד לא מניח את רבו, ואפי' הוא כהן הי' צריך לנסוע איתו באווירון (לקחו אותו לאהקת"ו), ולאח"ז לדבר עם רב אם צריך תיקון כו'.

**ש"פ ראה מבה"ח וער"ח אלול:** בתחלת ההתוועדות צוה לנגן ניגון שמת, צמאה לך נפשי. ואחרי הניגון אמר מאמר ד"ה אחרי ה"א (וראה אודות המאמר בפנים הספר ע' 403 ואילך). בהמשך ההתוועדות דבר כ"ק אדמו"ר שליט"א גם בענין ניחום אבלים – בקשר לפטירת הרה"ח ר' מאיר אשכנזי ביום ד' כ"ו מנ"א – ראה בפנים הספר ע' 402-3.

כשכ"ק אדמו"ר שליט"א ביקר לניחום אבלים אצל משפחת הנ"ל, היו שם כמה רבנים וכו' ושאלו את כ"ק אדמו"ר שליט"א למה עשו הלוי' מיד (כפקודתו הק') ולא למחרת שיוכלו להשתתף לכבודו. וענה, שרצונו של אדם זהו כבודו ובטח הנ"ל רצה שיעשו א"ז מיד. גם היה שם א' ששאל ענין בשו"ע אדה"ז ואד"ש ענהו כו'.

**ש"פ תצא, יג אלול:** לרגל היות חתונת אדמו"ר מהוריי"צ ביום זה (תרנ"ז), וכנראה – גם "אופרופעניש" של כמה חתנים (ראה גם בפנים הספר ע' 424 ואילך), היה היום התוועדות. בהמשך ההתוועדות דיבר כ"ק אדמו"ר שליט"א גם ע"ד המאמר לכה דודי (תרפ"ט), וגם אמר מאמר (כעין שיחה) ד"ה זה – ביאור על מאמר הנ"ל.